זיך צו דער חיה און איר בילד, און ווער עס נעמט
12 אָן דעם סימן פון איר נאָמען. דאָ איז די סבלנות
פון די קדושים, וועלכע היטן אָפּ ג־טס געבאָטן
און די אמונה פון ישוען.
13 און איך האָב געהערט אַ קול פון הימל, אַזוי צו
זאָגן: שרייב: וואויל איז די טויטע, וועלכע שטאַרבן
אין דעם האַר, פון איצט אָן! יאָ—זאָגט דער גייסט—
כדי זיי זאָלן האָבן מנוחה פון זייער מי; וואָרום
זייערע מעשים פאָלגן זיי נאָך.
14 און איך האָב געזען, און אָט אַ ווייסער וואָלקן,
און אויף דעם וואָלקן איז געזעסן איינער, ענלעך
צום בן־אדם, האָבנדיק אויף זיין קאָפּ אַ גאָלדענע
קרוין, און אין דער האַנט זיינער אַ שאַרף
15 שניידמעסער. און אַן אַנדערער מלאך איז אַרויס־
געגאַנגען פון דעם היכל, שרייענדיק מיט אַ הויך
קול צו אים, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן:
שיק דיין שניידמעסער, און שנייד; ווייל עס איז
(שוין) געקומען די שעה צו שניידן, מחמת דער
שניט פון דער ערד איז צייטיק געוואָרן. (יואל ד, יג.)
16 און דער, וואָס איז געזעסן אויף דעם וואָלקן, האָט
געוואָרפן זיין שניידמעסער אויף דער ערד; און די
ערד איז געשניטן געוואָרן.
17 און אַן אַנדערער מלאך איז אַרויסגעגאַנגען פון
דעם היכל אין הימל, און אויך ער האָט געהאַט אַ
18 שאַרף שניידמעסער. און אַן אַנדערער מלאך איז
אַרויסגעגאַנגען פון דעם מזבח, דער, וואָס האָט געהאַט
ממשלה איבער דעם פייער; און האָט גערופן מיט
אַ הויך קול צו דעם, וועלכער האָט געהאַט דאָס
שאַרפע שניידמעסער, אַזוי צו זאָגן: שיק דיין שאַרף
שניידמעסער, און זאַמל איין די הענגלעך וויינ־
טרויבן פון דעם וויינשטאָק פון דער ערד; ווייל